מערכת

# בחצרות

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | פ' וארא | כ"א טבת | תשע"ב | מגילה: י"ב.

## באריכטן:

### היסטארישע געשעהניש אין קרית יואל

א היסטארישע געשעהניש אויף וואס מ'ווארט שוין דערויף די לעצטע איבער דרייסיג יאר איז היינט צום ערשטן מאל געשעהן אין קרית יואל ווען עס זענען ערשינען א מנין פון צען דיינים פון קהל מחזיקי הדת בעלזא, פון בארא פארק, מאנסי, מאנטריאל, אין שפיץ פון א שליח מיוחד פון ירושלים עיה"ק ר' שמעון וואלף קליין נ"י,ביים ציון הק' אין קרית יואל  צו א מעמד פיוס ובקשת מחילה.

די דיינים שליט"א האבן געצינדן ליכט און געזאגט תהילים, און דער שליח מיוחד האט געזאגט דברי שליחות ובקשת מחילה, קודם ביים ציון הק' פון מרן רבינו בעל דברי יואל זי"ע, און דערנאך ביים ציון הק' פון מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע. און ער האט איבער געבעטן דעם כבוד פון רבותינו הק' וואס מ'האט בשעתם פוגע געווען.

אנשי שלומינו וואס געדענקען יענע שווערע צייטן, און דעם ווי געשריי פון אלע גדולי ישראל וואס האבן זיך געבעטן "שובי אל מקור מחצבתכם" און מ'זאל ווי פריער חוזר זיין פון די נייע וועגן, זענען צופרידן צו הערן אז נאך אזויפיל יארן ווערט אויסגעדרוקט חרטה אויף די מעשים, און מ'בעט מחילה פון רבוה"ק אין וועמען מ'האט פוגע געווען אין יענע צייטן.מיט האפענונג קוקט מען ארויס אזוי ווי מ'הייבט אן צו זעהן א שטראל פון חרטה אויף יענע מעשים, זאלן זיי זיך געגצליך צוריק קערן צו זייערע ארגינעלע מקורות די הייליגע וועגן פון התבדלות מרשעים ווי אזוי די צדיקים וקדושי עליון לבית בעלזא האבן געלערנט דעם כלל ישראל, און זיי וועלן צוריק קומען צו די רייען פון שלומי אמוני ישראל מיט א גענצליכע אפטיילונג פונעם מלכות המינות אין ארה"ק, און מיטן זיך צושטעלן צו די רייען פון די לוחמי מלחמת ה' צבקות געגוי אזוי ווי זייערע זיידעס אינדערהיים זענען געווען די ערשטע סאלדאטן אויף אלע מערכות ישראל.

🙾•🙼

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אתזער ליסטע, אדער אראפצוגייך
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.